זאמלט צעטלען א שיינעם נייעם סעט פון טישינג געשיר פון פעקלאך ראבין הוד אוטס מיט דעם "רויטן שטריך" לייבל.

ROBIN HOOD RAPID OATS

Robin Hood Rapid Oats

גליק און ראכע

סענסאציאנעלער ראמאן

פון א. א.

(פארזעצונג)

— איך קאן אייך ניט לאזן אליין צווישן די באנדיטן, — האט ער איר רירנד געענטפערט, — פיליכט קאן נאך אמאל קומען דער טאג און וועלכען איר וועט געברויכן מיין שוץ און מיין הילף.

— איך וועל קיין רו ניט האבן אין מיין אונגארישער היימאט, וויסנדיק דאס איך האב אייך דא געלאזן שוצלאז אין אטאנאסיאס רשות. אויף קיין פאל וועל איך אליין ניט אנטלויפן, מיראנא. אויף דעם קבר פון מיין פארשטארבענער פרוי האב איך הייליק געשוואוירן אייך ניט צו פארלאזן און אייך אימער צו באשיצן.

— ווען איר ווילט מיט מיר ניט אנטלויפן דאן וועל איך אויך דא בלייבן ביי די באנדיטן.

מיריאנא האט הארצרייסנד געוויינט, עס איז פאר איר געווען א שרעקלאכער פארברעכן וואס ער מוז ליידן צוליב איר און רירנד האט זי אים אויסגעשטרעקט אירע קליינע און ווייסע הענט.

— א, טויזנטער דאנקען פאר אייער אויפאפפערונג און איילמוט! — האט זי שטיל געשטאמלט.

— א, הייליקער גאט, שיץ אטאנאסיאסן פון דער געפאר, זאל אים קיין לייד ניט געשעען, זאנסט וועט ער זיך אין דעם ביטערסטן צארן שיידען פון מיר אויף אימער.

קאפיטל 38

די קללה פון א בייזן טאט

דאנאעלא, קום אהער קינד, זעץ זיך לעבן מיר, עס איז מיר היינט אזוי אומעטיק, — האט זיך געבעטן א גרייז׳גרויע פרוי מיט א מידער שטימע.

דאס בלאסע מיידל וואס איז געזעסן לעבן פענסטער האט זיך אויפגעהויבן און זי איז צוגעגאנגען צו דער גרייז גרויער פרוי, אום זיך צו זעצן לעבן איר אויף א פוסביינקל.

אירע אויגן זיינען נאך געווען רויט פון וויינען און אירע געזיכטסציגע האבן פארצווייפלונג ארויסגעשפראכען.

די גרייז גרויע פרוי האט צערטלאך ארויפגעלייגט איר האנט אויפן קאפ פון דער אומגליקלאכער מיידל.

דאניעלא, — האט די אלטע געזאגט שטיל, עס קאן ווייטער אזוי ניט גיין, איר אלע פארבארגט עפעס פון מיר, איך מוז ענדלאך אלץ וויסן.

— דו ביזט געווארן אטאנאסיאס פרוי און אויף מארגן האט ער דיך פארלאזן, מיט א רויבער באנדע איז ער איבערפאלן דאס הויז פון דיינע עלטערן און עס פארברענט.

— זאג מיין קינד, ווארום האט ער עס געטאן? ער האט דאך געמוזט דערפארן אז איר האט אים געטאן עטוואס שלעכטס, זאנסט וואלט ער דאך אזוי ניט געהאנדלט קעגן אייך.

דאניעלא האט שמערצלאך געקנייטשט מיט די אקסלען.

— פרעג דעם פאטער, — האט זי געמורמלט פארשטיקט און זי האט פארבארגן איר גליענד געזיכט מיט די הענט.

די קלוגע אויגן פון דער גרייז גרויער פרוי האבן פארשנד געקוקט אויף איר.

— דאניעלא, מיין קינד, דו ליבסט אטאנאסיאסן, דיין מאן, — האט זי שטיל גערעדט.

— ביינאכט, ווען דו גלויבט דאס איך שלאף, רופסטו שטיל און קלאגנד זיין נאמען און דו וויינסט אזוי הארצרייסנד, דאס איך קאן קיין שלאף ניט געפינען.

א שמערצנסגעשריי האט געקלונגען פון דאניעלאס ליפן.

— דו פרעגסט אויב איך ליב אים, גראסמוטער? — א, אללא, ווייסטו ווי ער נאגט און צערט מיך, און ווי איך קאן קיין רו ניט געפינען, דיינענדיק ווי ניט ריכטיק איך האב קעגן אים געהאנדלט.

דאס יונגע מיידל האט הויך און ליידנשאפטלאך געוויינט. זי איז געזונקען פאר די פיס פון דער גרייז גרויער פרוי און מיט טרערן אין די אויגן האט זי איר אלעם דערציילט.

און ווען די דערציילונג איז געווען צו ענדע, האט די אלטע פארוואפן די האנט איבער איר קאפ אין דער העכסטער אויפרעגונג.

— א, גרויסער גאט, אזוי שענדלאך האבן דיינע עלטערן און דו זעלבסט געהאנדלט קעגן אטאנאסיאסן? ווי האסטו זיך עס געקאנט דערלויבן, ווען אגאר דו האסט אים געליבט?

— נאר אויס ליבע צו אים האב איך עס געטאן גראסמוטער, האט די מיידל געוויינט, איך האב געגלויבט דאס ער וועט זיך ענדלאך איבערגעבן צו מיין ווילן און וועט מיר מיט דער צייט אויך ליבן. א אללא, נאך איצט שוידער איך דערמאנענדיק זיך אין יענעם פרימארגן, ווען ער האט מיך פארשטויסן.

ער האט מיך מיט שפאט ארויסגעטריבן און געשוואוירן צו נעמען פון מיינע עלטערן שרעקלאכע ראכע.

— א, ווען איך וואלט דאמאלסט געשטארבן, דאן וואלט צו אלע מיינע ליידן געקומען אן ענדע.

— דאניעלא, וואס האט איר געטאן? — האט די גרייז גרויע געשטאמלט, איר האט אטאנאסיאס׳עם פארברעכן אויף אייער געוויסן. אייער פארראט האט זיין הארץ פארביטערט און אים געטריבן אין די ארעמס פון זינד.

— דאניעלא, איך ווייס, דאס אטאנאסיאס איז איידל און גוט. אין דער צייט ווען דאס הויז האט געברענט און איך, ניט וויסנדיק פון דער געפאר, בין ארומגעגאנגען אין די צימערן, האט ער מיך מיט זיין אייגענער לעבענסגעפאר געראטעוועט, עס האט ניט פיל געפעלט און מיר ביידע, איך און אטאנאסיאס זאלן באגראבן ווערן אונטער די רואינען.

דאניעלא האט הויך און שמערצלאך געשריען און זי האט פארשטעלט דאס געזיכט אין די קנייטשן פון דער גראסמוטערס קלייד.

— ער האט מיך אויף די הענט ארויסגעטראגן אין א זיכערן פלאץ און ער האט געזארגט פאר מיר — האט די גרייז גרויע פרוי פארטגעזעצט.

— א, אללא, איר האט שענדלאך געהאנדלט מיט אים. — גיי מיין קינד — האט די אלטע פלוצלונג אנגעפאנגען מיט אן אנדער טאן, איך האב אין דרויסן געהערט די שריט פון דיין פאטער, איך וויל מיט אים ריידן אונטער פיר אויגן, לאז מיך אליין מיין קינד.

דאניעלא האט זיך געהארכזאם אויפגעהויבן און וויינענדיק האט זי פארלאזט דאס צימער.

גלייך האט זיך די טיר געעפנט און א הויכער מאן, מיט גרוילאכע האר און קאלטע, פינסטערע געזיכטסציגע איז אריינגעקומען.

ער האט ארויפגעלייגט די האנט אויף זיין ברוסט אלס צייכן פון גרוס און ער האט זיך לייכט פארנייגט פאר דער אלטער פרוי.

זי האט פריינטלאך אים געענטפערט אויף זיין באגריסונג און דאן האט זי געפרעגט:

— וואס פאר א נייעס ברייגנסטו מיר מיין זון?

האסאן פאשא, דער פאטער פון דאניעלאן און מיריאנא האט זיך געזעצט אויף א ווייכן שטול.

— שלעכטע נייעס, מוטער, און אויף בעסער איז אויך ניטא צו האפען — האט ער געזאגט ביטער.

— דאס אומגליק פארפאלגט מיך איצט אויף שריט און טריט.

— מיין הויז איז פארברענט, מיינע טעכטער זיינען אומגליקלאך, מיין ווייב איז קראנק און דער סולטאן האט אויף מיר געקראגן א האס. — זאג מוטער, קאן נאך געבן מער אומגליק?

די קלארע אויגן פון דער גרייז גרויער פרוי האבן זייער שטריינג גערוט אויף אים.

— נאכדעם ווי דו האסט אנדערע געשטירצט אין אומגליק, ביזטו אליין אומגליקלאך געווארן.

— דער פאשא איז בלייך געווארן און ער האט צארנדיק געפרעגט:

— **ווער האט עס מיך פארראטן?** האט דאניעלא דערציילט פון אלעם?

— פון וואנען איך ווייס עס, מיין זון, איז א נעבנזאך. עס קרייענקט מיך, ווארום דו האסט אזוי שלעכט געהאנדלט מיט אטאנאסיאסן, וועלכער איז אמאל געווען דער בעסטער גאסט אין דיין הויז און וועלכער האט צו דיר געהאט אזוי פיל צוטרויען.

— און וואס איז געווען די פרוכט פון דיין פארברעכן, מיין זון? — האט די אלטע פארטגעזעצט, דיין הויז האט מען פארברענט, דיין ווייב ליגט קראנק פאר שרעק און דאניעלא, דיין טאכטער איז אומגליקלאך אויף איר גאנצן לעבן.

— דו ווייסט נאך ניט אלעם מוטער, — האט דער פאשא פארצווייפלט ווייטער גערעדט, איך האב מיט איינינקע טעג צוריק דערהאלטן א בריוו פון פרעדריקאן פון פאריז.

די אלטע האט זיך האסטיק אויפגעהויבן.

זאג ווי גייט עס מיריאנען? איז זי ווירקלאך גליקלאך אלס פרעדריקאס פרוי?

— זי איז ניט געווארן זיין פרוי, מוטער, — האט דער פאשא פארשטיקט געענטפערט.

די גרייז גרויע פרוי האט הויך געשריען פאר שרעק.

— אונזער מיריאנא איז אלזא, אומגליקלאך, האסאן? האט זי געשטאמלט.

— יא, מוטער, האט עס טאנלאז געקלונגען פון דעם פאשאס מויל — פרעדריקא האט שענדלאך געהאנדלט קעגן מיין טאכטער, ער האט זי צוליב א זינגערן פארלאזן און מיריאנא איז אין דער פרעמדער, גרויסער שטאט געבליבן הילפלאז.

— און דער געוויסנלאזער איז נאך אזוי פרעך דיר צו שרייבן וועגן דעם?

— ער האט מיר אויך מיטגעטיילט דאס מיין טאכטער איז אפגעפארן נאך דעם אריענט מיט אן אונגארישן קינסטלער, מיט וועלכן זי האט געוואוינט אין איין הויז.

— נעכטן האב איך געטראפן מיין אלטן און טרייען דינער בולי, וועלכער איז געקומען נאך קאנסטאנטינאפאל, אום אויסצוגעפינען וואס מיט מיר טוט זיך.

— דער אלטער האט געוויינט מיט טרערן פון פרייד, אלס ער האט מיך דערזעען, דען ער האט געגלויבט, דאס מיין פרוי און איך זיינען אונטער די רואינען באגראבן געווארן.

— פון אים האב איך דערפארן דאס מיין אומגליקלאכע קינד איז געוועזן אין דער היימאט צוזאמען מיט איר באשיצער, אויף די רואינען פון איר פאטערס הויז האט זי געשאלטן דעם מערדער פון אירע עטערן, דען זי האט ניט געוואוסט דאס מיר לעבן נאך.

— זי איז מיטן פידל קינסטלער אפגעפארן פון קאנסטאנטינאפאל. זיי זיינען געפארן אויף דעם אריענט עקספרעס צוג, עס איז דער זעלבער צוג וואס אטאנאסיאס האט באפאלן.

— א, גאט! — האט די גרייז גרויע פרוי אויסגעשריען דערשראקן, און וויינענדיק איז זי צוריק געזונקען אויפן שטול, פילנדיק זיך נאענט צום אנמאכט.

דער פאשא האט פינסטער געקוקט צום באדן, אויך אין זיינע אויגן האבן זיך באוויזן טרערן.

— דערצייל ווייטער, מיין זון, — האט די גרייז גרויע פרוי קוים געקאנט זאגן.

(פארזעצונג קומט)

אוניווערסאל אנפארטרויעט

דער אנקאר וואס שלעפט זיך ניט נאך

וואו נאר די זון גיין אויף — נויטיקן זיך מיליאנען היימען אין דעם פעסטן אנקאר פון פינאנציעלער פארזיכערונג קעגן די קלעפ פון אומגליק און נויט. טאג נאך טאג איז די מאנופעקטשורערס לייף אינשורענס קאמפאני פראמינענט אין העלפן צו פארזארגן די דאזיקע נויטווענדיקייט.

אין איבער 30 לענדער דורך צוויי קאנטינענטן זיינען טויזנטער פאמיליעס געזיכערט הינטער דעם באשיצונג אנקאר פון א מאנופעקטשורערס לייף פאליסי.

געגרינדעט אין 1887

THE
MANUFACTURERS LIFE
INSURANCE COMPANY
HEAD OFFICE   TORONTO, CANADA
Branch Office: 300 Huron & Erie Bldg., Winnipeg
W. A. KENNEDY, C.L.U., Branch Manager
M. WAISMAN, AGENCY

קאפווייטיק
אומפארדייאינג
פארשטאפונג

DR. A. W. CHASE'S KIDNEY AND LIVER PILLS
K. & L.

פאר איבער א האלבן יארהונדערט האבן דר. טשייס׳עס קידני און ליווער פילס זיך איבערצייגט צו זיין דער פאלגרייך אום צו פארלייכטערן שנעל די טעמפע, פוילע ארבעט פון דער לעבער, נירן און געדערים און די פילע קראנקהייטן וואס קומען דורך דעם.

Dr. Chase's KIDNEY & LIVER PILLS

קאלגאריער נאטיצן

אין קאלגארי האט זיך געגרינדעט א אידיש־פוילישע "פרי־לאאן" סאסייטי. די באאמטע זיינען: ב. אייזנמאן, פארזיצער, א. בעלזבערג, קאסירער; נ. בארעדעצקי, סעקרעטאר; כ. מיטעלמאן און מ. סוויצער, קאמיטעט; 30 מיטגלידער האבן זיך שוין אנגעשלאסן און עס איז שוין $500 אין קאסע. יעדער איד וועמעס אפליקאציע וועט אנגענומען ווערן פון קאמיטעט, קאן ווערן א מיטגליד. $50 איז א מאקסימום פון א "לאאן" און עס דארף צוריקגעצאלט ווערן דורך א וועכנטלאכער צאלונג פון $2.00.

זונטאג, נאוו. 15טן, איז פארגעקומען די חתונה פון קלארא מייערא צו ליא ליבערמאן. די יונגע פאר פאלק פארן אוועק גלייך נאך דער חתונה אויף א האניק חודש רייזע.

דער יוגנט־רינג "מאקאבייער" האט דינסטאג ביינאכט געהאט א פארוויילונגס אוונט אין פרץ זאל. די גאנצע יוגנט פון קאלגארי איז געווען איינגעלאדן אלס געסט. א שיינע פראגראם איז דורכגעפירט געווארן. חיים שייניו איז געווען פארזיצער; האראלד דינהויז, האט פארגעלעזן אויף אידיש; עלים בעלקין האט געגעבן א פיאנא סאלא, נ. מאראנץ האט אמוזירט די פארזאמלטע מיט פארשיידענע קונצן.

דזשעק בולשין און מארים בעלקין האבן געשפילט א קאמעדיע אין איין אקט. דער אוונט איז דערנאך פארבראכט געווארן אין טאנצן.

מר. און מרס. סעם שיינין האבן פרייטאג אוונט געמאכט א "סורפרייז פארטי" לכבוד דעם 16טן יאריקן געבורטסטאג פון זייער זון חיים. ארום 40 מיידלאך און אינגלאך זיינען איינגעלאדען געווען. דער אוונט איז זייער שיין פארבראכט געווארן אין שפילן, געזאנג און טענץ.

די "יאנג דזשודיענס" מאכן גרויסע פארבארייטונגען פאר דעם דזשודיען קאנפערענץ וואס וועט פארקומען אין קאלגארי דעצעמבער דעם 26טן, 27טן און 28טן. זיי גרייטן צו טענץ, לידער און "סקעטשעס" [illegible] אויך פארשיידענע אנדערע [illegible] לכבוד די געסט [illegible] דיער אידיש וועלט.

די קאלגארי פאלקס ביבליאטעק איז רעארגאניזירט געווארן. א שאך קלוב איז אויך איינגעארדנט געווארן. א צאל אידישע צייטונגען און זשורנאלן געפינען זיך אין דער ביבליאטעק צימער. די ביבליאטעק איז אפן אלע אוונט פון 7.30 ביז 10.00 און פון 2 ביז 6 נ. מ. זונטאג. [illegible] זיך ווענדן צו חיים איינשטיין.

טראגעדיע פון א רוסישן גר צדק

(שלום פון זייט 2)

צום טויט צו פארברענען זיי לעבעדיקערהייד, כדי "למען ידעו ויראו", אז די אידן זאלן מורא האבן צו מאכן פון קריסטן אידן . . .

עס האט נישט געהאלפן דאס איינשטעלן זיך פאר דער קייזערן פון איר געליבטן ליפמאן לטובת די פאראורטיילטע, אז מען זאל זיי כאטש שיינקען דאס לעבן. די צארין איז געבליבן טויב צו דער דאזיקער בקשה און זי האט נאטירלאך באשטעטיקט דעם שרעקלאכן טויט־אורטייל פונם סענאט און אין סוכות 1738 האט מען דעם גר צדק אלעקסאנדער וואזניצן צוזאמען מיט ר׳ ברוכן פון סמאלענסק ארויסגעפירט אין שווערע ייטן געשמידט הענט און פיס אויפן עקזעקוציע־פלאץ הינטער פעטערבורג און דארט זיי, אויף דעם ספעציעל פאר די דאזיקע הייליקע קרבנות אויפגעשטעלטן "אויטא־דאפע" לעבעדיקערהייד פארברענט אין דער קעגנווארט פון א גרויסן פובליקום, וואס האט געשעפט נחת און פרייד פון דער דאזיקער שרעקלאכער אינקוויזיציע פראצעדור.

אננא יאאנאוונא האט זיך אבער ניט באנוגנט מיט די דאזיקע צוויי קרבנות, זי האט אויך אויסגעגאסן איר בלוט דארשטיקן כעס אויף אלע איבעריקע אידן אין איר לאנד, באפעלנדיק זיי אלע צו פארטרייבן פון קליין־רוסלאנד ווידער צוליב מורא, אז דער ופלוס פון אידן זאל נישט פארגרעסערן צווישן דער רוסישער באפעלקערונג די צאל פון אידישע גרים . . .

אבער אין מיטן דערינגען האט אויסגעבראכן צווישן רוסלאנד און טערקיי א מלחמה און נאך א גרויסן שקלא וטריא צווישן די ציווילע און מיליטערישע אינסטאנצן האט מען נישט געהאלטן פאר צוועק מעסיק ביי די דאזיקע אומשטענדן די אידן אויסצואווייזן פון יענער געגנט, א דאנק וואס דער גירוש איז אפגעלייגט געווארן טאקע ביז נאך דער מלחמה . .

מען האט ווייטער מורא געהאט אז די אידן זאלן נישט נעמען נקמה אן רוסלאנד צוליב דעם גירוש און וועלן שטיצן מיט ראט און טאט דעם שונא, כאטש די קייזערן איז ניט געווען צופרידן מיט דער דאזיקער הנחה.

אבער אזוי שנעל ווי די מלחמה האט זיך געענדיקט האבן די גלחים ווייטער איינגעריסן וועלטן, אז מען זאל די אידן ארויסשיקן פון קליין רוסלאנד, וואס האבן מייסטנס געשטאמט פון פוילן, אבער א דאנק דעם פריצייטיקן טויט פון דער צארין אננא יאאנאוונא איז דער גרעסטער טייל אידן ניצול געווארן פונם גירוש און איז פארבליבן זיצן אויף זייער ארט.

די זעלבע אידן פלעגן טאקע יעדן סוכות צו מזכיר נשמות פייערן דאס הייליקע אנדיינקען פון די צוויי קדושים, וואס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם פון דער רוסישער צארין אננא יאאנאוונא. ערשט ניט לאנג זיינען די דאזיקע פראצעס אקטן אויסגעפונען געווארן אין דעם ארכיוו פונם הייליקן סינאד, און א טייל פון זיי זיינען אפגעדרוקט געווארן אין דעם צווייטן טייל "פרעזשיטאיע".

סטארקיפערס!

איצט איז די צייט:

סייל פאסטערס

צוציען די קונים צו אייער סטאר און פארקויפן אייער ווינטער סחורה — שפעטער וועט שוין זיין צו שפעט! און דער בעסטער מיטל ווי אזוי צו פאפולאריזירן אייער געשעפט און צוציען די קונים איז דורך שיינע אטראקטיווע

Frühjahrs Eröffnungs Verkauf
GRAND HARDWARE AND FURNITURE EXPOSITION
R. STEIMAN & SONS
SALE
AUCTION SALE
MONSTER BANKRUPT Sale!
BIG
Winnipeg's GREAT BARGAIN-GIVING Center
QUITTING WHOLESALE BUSINESS
CLOSING OUT
THE DAUPHIN
MUST RAISE CASH
BARNEY GLASS
J. Ross, 754 Logan Ave.
SALE
TREMENDOUS HALF PRICE SALE
1500 DRESSES
MILLER BROS.

מיר מאכן אלערליי פאסטערס צו די סאמע מעסיקסטע פרייזן — מיר שטעלן צו די "קאטס" (בילדער), מיר שרייבן פאר אייך אויס די טעקסטן און אלע נויטיקע סלאגאנס און מיר שטעלן צוזאמען דעם פאסטער לויט יעדער ארטיסטישער פינקטלאכקייט. אלץ וואס איר דארפט טאן איז צושיקן אונז די פרייזן פון די ארטיקלען וואס איר ווילט ארויסשטעלן אויפ׳ן סייל, — און מיר טוען דאס איבעריקע און מיר שיקן ארויס די פאסטערס

אין 24 שעה

שיקט אונז די קאפי אדער שרייבט פאר ווייטערע איינצלהייטן צו

THE ISRAELITE PRESS
165 Selkirk Ave., East — Winnipeg



שיקט געלט אין זיכערקייט

בנוצט ראיאל בענק מאני ארדערס. דער סאמע באקוועמער און עקאנאמישער מיטל צו שיקן געלט [illegible] אין קאנאדע [illegible] ארויסגעגעבן [illegible]

The Royal Bank
of Canada